## מכתב מלפני כששים שנה מסב הכלה הרי״ל רסקין לגיסו ואחיו
## המתאר את אחרון של פסח וש״פ קדושים, מבה״ח אייר תשי״ד אצל הרבי

ב״ה, עחה״ש ה׳תשי״ד פה ישיבת תות״ל ברוקלין נ.י.

לכ׳ גיסי הר״ר דוד שיחי׳ עם ב״ב שיחי׳

לכ׳ אחי הר״ר מ״מ שיחי׳ עם ב״ב

שלום וברכה!

ת״ל בעד החיים והשלום וכה יוסיף ה׳ לשמוע רק טוב. אחרי דרישת שלומכם הטוב ... והנה עכשיו אכתוב לכם כמה קטעים מההתוועדות דאחרון ש״פ שהי׳ התוועדות נוראה, וכן נמשכה יותר משמנה שעות. היה מאמר ד״ה ונחה עליו רוח הוי׳ כו׳, והנה אח״כ הי׳ כמה שיחות, וכן אח״כ ציוה כ״ק אד״ש להרש״ג שיחי׳ שיתן לכל הבחורים שלומדים עכשיו בתו״ת ושלמדו מכבר בתו״ת ד׳ כוסות, וכן היה.

וכל אנ״ש הי׳ קצת בגילופין (כי המנהג לשתות כוסות מלאים) ודיבר כ״ק אד״ש הרבה לפעול על הזולת, ולכל מי שיש חוש בהשפעה, וכן סתם במנהיגות עליו מוטל האחריות של הזולת.

והנה אחר שיחה זו הנה אנו פתאום שומעים איזה קול (ובכלל הראש לא כ״כ בסדר כי שתינו הרבה יין), והנה אנו רואים ושומעים איך שכ״ק אד״ש בעצמו מנגן את הניגון ׳עסן עסט זיך שלאפין שלאפט זיך און וואס זאל מען טאן אז עס דאוונט זיך ניט׳ ופעם אמר ׳לערנט זיך ניט׳ ובעת הניגון בכה הרבה מאוד. וכה ניגן בעצמו כמה פעמים. (וכמובן שלכל המסתופפים עמדו דמעות בעינים, ובכלל זה היה בפעם הראשון שאנ״ש שמעו איך שכ״ק אדמו״ר שליט״א מנגן) ואח״כ אמר אד״ש שכולם ינגנו, אבל לא יכלו לנגן מצד ההתרגשות, וכן רצו לשמוע איך שכ״ק אד״ש בעצמו מנגן, כי כ״ק אד״ש ניגן כ״כ מיט א התרגשות ובקול דממה דקה, ואמר אד״ש מען מיינט ניט מיר אליין מען מיינט אייך אויך, והנה כולם ביחד ניגנו כמ״פ, ואח״כ הפסיק כ״ק אד״ש ואמר:

און נאך דעם קומט דעם קלוגינקער, און טענה׳ט אז באמת דאווענט זיך ביי אים יא, און עסן עסט זיך ניט, עס איז מער ניט בכדי ער זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא, האט דער אויבערשטער געמאכט אז עס זאל אויסקומען מצד דעם גוף ונה״ב אז עסן עסט זיך און דאוונען דאוונט זיך ניט. אבער דאס איז דאך מער ניט ווי א דמיון בלבד, וואס באמת איז דאס ניט אזוי. און דאס איז דאך די גאנצע כוונה, אז מצד הגוף ונה״ב זאל אויסקומען דער דמיון און פונדעסטוועגן זאל מען זיך מתגבר זיין אויף אים. איז דאס וואס ער טענה׳ט אז מצד הנשמה דאוונט זיך יא, איז דאס אמת, אוודאי איז טאקע אזוי, אז מצד הנשמה כמו שהיא איז ער ניט שייך לגמרי צו ענינים גשמיים, און ער וויל נאר אלקות. דאס וואס ער טענה׳ט אז דער גאנצער ענין איז מער ניט ווי דמיון איז אויך אמת. און דאס אז דורך דעם פירט זיך אויס די כוונה איז ווייטער אמת, אבער פונדעסטוועגן איז דאס לגמרי ניט ממעט די בכי׳ וואס ער דארף וויינען, און זיין ניט צופרידן מיט זיין מצב. ווארום די אלע ענינים הנ״ל זיינען ניט ממעט זיין נידעריקייט, ווארום דאס אלץ איז דאך א חשבון ווי דאס איז מצד הנשמה, אז די נשמה איז שטענדיק באמנה איתו ית׳, מצד איר איז דאס מער ניט ווי דמיון. און דוקא דורך דעם פירט זיך אויס די כוונה, אבער צום אים האט דאך דאס ניט. ער איז דאך אין דעם דמיון, ביי אים איז דאך טאקע אזוי, אז עסן עסט זיך, שלאפין שלאפט זיך, און דאוונען דאוונט זיך ניט. בשעת עס קומט צום עסן אדער אנדערע ענינים גשמיים דארף מען ניט האבן קיין התבוננות והשתדלות אויף דעם. דאס טוט זיך בדרך ממילא,

בשעת עס קומט אבער צום דאוונען דארף ער האבן התבוננות, גאנצע הכנות, מיט השתדלות ביז ער זאל נתעורר זיין. איי וואס דאס איז א דמיון, אבער ער איז דאך אין דעם דמיון, ביי אים איז דאך טאקע אזוי, און דערצו איז דאך דאס ניט נאר מצד התולדה ומצד עצם ירידת הנשמה בגוף, וואס אזוי איז די כוונה, אז הגם אים ווילט זיך ניט דאוונען, פונדעסטוועגן זאל ער זיך מתגבר זיין, נאר דאס קומט מצד מעשיו, מצד דעם וואס חטא ופגם ועבר את הדרך, און ער האט זיך אפגעריסן פון אלקות, איז אין דעם ארט וואו ער האט פוגם געווען און אפגעריסן זיך, דארטן ווילט זיך ניט, און אויף דעם זאגט מען עסן עסט זיך.

והתחיל עוד פעם בעצמו את הניגון עסן עסט זיך, ובאמצע הפסיק כ״ק אד״ש ואמר, איינער האט אמאל געזאגט אז ער פארשטייט ניט דעם סדר המועדים, יום כיפור בשעת מען זיצט א גאנצע טאג אין שול און מען דאווענט, יעמאלט זאגט מען על חטא, וואס איז דא יום כיפור וואס צו זאגן על חטא? בשעת מען איז אין גאס מען האט צוטאן מיט עובדין דחול, מיט אלע ענינים גשמיים יעמאלט דארף מען זאגן על חטא, איצטער ביי א פארברייינגעניש בשעת וואס צו עסין איז ניטא קיין בעט אויף שלאפין איז ניטא, און בכלל איז מען ביי א חסידישע פארברייינגען, מאנט מען ביי זיך פארוואס עס עסט זיך און שלאפט זיך, און דאוונען דאוונט זיך ניט. קומענדיג אהיים בשעת עס קומט צום עסין און בשעת עס קומט צום שלאפין, יעמאלט זאל מען זינגען און טענהין, ווי קומט עם אז עסין עסט זיך שלאפין שלאפט זיך און דאוונען דאוונט זיך ניט.

נו, דער סדר איז פארט אזוי, איז זאל מען לכה״פ איצטער בשעתין פארברייינגען זינגען עסן עסט זיך, און דאס זאל פועלין אז אויך שפעטער קומענדיג צום עסן און שלאפן זאל מען דאס געדיינקען און דאס זאל פועלין אז דער עסן זאל זיין כדבעי. עסן דארף מען טאקע, אבער דאס זאל זיין צוליב דעם וואס מען דארף. צוליב שמירת בריאות הגוף, וואס דאס איז מדרכי עבודת השם הוא.

כ״ק אד״ש התחיל? שוב לנגן את הניגון עסן עסט זיך, ובאמצע התחיל בעצמו לנגן ניע זשוריצי חלאפצי, וכה היה עוד הרבה שיחות וענינים הנוגעים לפועל.

בשבת מברכים אייר הנה התחלת ההתוועדות בהתחלה אמר כ״ק אד״ש, עס איז דאך בהמשך צו סעודת המשיח דאחש״פ, זאל מען אנהויבן מיט׳ן אני מאמין.

אח״כ אמר: דער רבי האט געזאגט אז מען גייט צו משיח׳ן זאל מען גייט מיט שמחה, הגם אז מען זאל מאכן א חשבון אליבא דנפשי׳ קען מען ניט זיין בשמחה, נאר באמת אז איצטער איז אלץ פאראן נאר דאס איז בהעלם, וביאת המשיח וועט דאס נתגלה ווערן, וואס דער קיום דתומ״צ האט בזמן הגלות אויפגעטאן, איז במילא דארף מען זיין בשמחה, וואס דאס איז איינער פון די נקודות פון דעם תוכן פנימי של הניגון ניע זשוריצי חלאפצי, אז מען זאל ניט זארגין, ווארום באמת איז שוין אלץ פאראן איצטער, און אז מען וועט קומען דא קראטשאמקא, און פאנאנדערפאקן וואס מען האט, וועט מען ערשט יעמאלט זען וואס מען פארמאגט, און דאס ברענגט צו שמחה, במילא זאגט דער ניגון ניע זשוריצי.

אחר שניגנו אמר כ״ק אד״ש פונדעסטוועגן דערווײלע אבער גייענדיק אויפן וועג האט מען דאך פארט גארניט, אמת טאקע אז איצטער טוט זיך אויף אלץ דינג. און סוכ״ס וועט עס קומען אויך בגילוי, אבער דערווײלע, איז דאך פארט אלץ בהעלם, און מען פארמאגט גארניט. איז פון וואס זאל זיין די שמחה? איז אויף דעם איז פאראן א עצה פון צימאון, דאס גופא וואס מען איז צמא צו גילוי אלקות, איז דער צמאון אליין מרווה במקצת. ווארום דער צמאון הויבט אויף אין דעם ארט צו וועלכן מען איז צמא, כמאמר

הבעש"ט במקום שרצונו של אדם שם הוא בעצמו. און דאס איז אויך וואס דוד המלך האט געזאגט צמאה לך נפשי כמה לך בשרי גו', כן בקודש חזיתיך, טייטש דאך דער אלטער רבי בשם מורינו הבעש"ט נ"ע כן בקודש חזיתיך הלואי בקודש חזיתיך, אז הגם ער געפינט זיך טאקע בארץ ציי ועייף בלי מים, פונדעסטוועגן ווינטשט מען זיך הלוואי בקודש חזיתיך, וואס דאס איז מצד מעלת הצימאון כנ"ל, ביז אז אויך בקודש 'מלה בגרמי' וואס איז העכער פון קדוש, ווינטשט מען זיך הלוואי אז יעמאלט זאל זיין אזוי.

ואמר אד"ש עס איז פאראן דער אלטען ניגון צמאה לך נפשי, זאגט דעם ניגון, והתחילו המנגנים לנגן ניגונים עם התיבות צמאה לך נפשי, ועל כל אחד אמר כ"ק אד"ש שלא זה. ואמר כ"ק אד"ש קיינער קען ניט? והתחיל כ"ק אד"ש בעצמו את הניגון, וניגן כמ"פ, ואנחנו בפעם הראשונה שמענו את הנ"ל. ואח"כ באמצע ההתוועדות אמר כ"ק אד"ש שיתלמדו את הניגון, וכ"ק אד"ש בעצמו לימד אותנו את הניגון עד שהתלמדו. ולתאר את אופן הלימוד של הניגון, א"א לצייר.

ואח"כ ציוה לנגן את הניגון 'יעסן עסט זיך' ואח"כ כ"ק אד"ש אמר עס שטייט דאך תלמיד שגלה מגלין רבו עמו, און אלע ענינים קומט דאך דורך די התקשרות מיט די רביים, וואס די התקשרות איז דורך לימוד תורתם, וועט מען זאגין א מאמר, המשך להמאמר דאחש"פ, וואס דאס איז א מאמר פון אלטיין רביין והבאים אחריו, און אזוי ווי עס איז דאך א מנהג ישן נושן מדור דור, אז פאר חסידות זאגט מען א ניגון, זאגט א ניגון. ניגנו ניגון ואחר הניגון אמר אד"ש מאמר ד"ה על שלשה דברים העולם העומד וכו', ואח"כ היו עוד כמה שיחות בענין העבודה דחדשי הקיץ.

ואח"כ אמר: כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט אז עס איז געווען בשעת אז עס איז געבארין געווארין די עלטערע שוועגרין האט ער יעמאלט געבעטין זיין פאטער דער רבי נ"ע א מתנה, צי אז דער רבי נ"ע האט אים אליין געוואלט געבין א מתנה, און ער האט אויסגעקליבן וואס פאר א מתנה. האט ער יעמאלט געבעטין דער רביין נ"ע, ער זאל אים זאגן א מאמר מיט דעם סיגנון ווי יעדער רבי האט געזאגט, האט ער אים געגעבין די מתנה, וועלכע מאמר דאס איז האט דער רבי יעמאלט ניט דערציילט, במילא קאן איך דאס אייך אויך ניט איבערגעבין – אבער אויך דער מאמר דאחש"פ קאן מען אין אים אויך זען די הבחנה ווי יעדער רבי האט געזאגט דעם מאמר באופן אחר. דער מאמר איז פאראן פון אלטיין רביין און הויבט זיך אן להבין מארז"ל או"ס למטה מטה וכו' ולמעלה מעלה וכו', און ער רעדט דארטין באלט? וועגין דעם ענין פון אתה עשית את השמים גו' בכחך הגדול, דער מאמר ברענגט זיך אין חסידות מיטין נאמען ד"ה להבין או"ס כו' בכוחך הגדול. פון מיטעלין רביין איז פאראן דער מאמר אין אמרי בינה. עס איז אויך פאראן אין תורת חיים בד"ה צדקת פרזונו. אבער דארטן רעדט זיך ניט דער ענין בעיקר, משא"כ אין אמרי בינה. און עס איז קענטיק אז די פרקים באמרי בינה שער הק"ש וואס רעדט זיך די ענינים, איז דאס אמאל געווען א מאמר בפ"ע. דער מאמר איז פאראן אויך מכ"ק הצ"צ. און אויך פון רביין מהר"ש אין ספר המאמרים תרכ"ז ד"ה להבין או"ס למעלה כו' ולמטה וכו'. אויך איז פאראן דעם מאמר פון רבין נ"ע בשנת תרס"ו, תרנ"ה און תר"פ, זעט מען אין דעם מאמר די הבחנה ווי יעדער רבי האט גערעדט דער מאמר אויף אן אנדער סיגנון, (און) מען קען דאס זען אויך אין אנדערע מאמרים.

אבער ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר פלעגט זאגין, וואס איז שלעכט דעם ענין? דער אלטער רבי רעדט דעם ענין פון מעלה און מטה אצילות און בי"ע אבער ניט העכער, אויך איז דארטין ניטא פאראן קיין מראי מקומות, בנין אב'ס והדומה, דער מיטעלער רבי רעדט דעם ענין פון מעלה און מטה נאר אין לפני הצמצום און נידעריקער רעדט ער אינגאנצין ניט. דער צ"צ רעדט שוין דעם ענין ברוחב, און איז מציין

כמה מאמרים בתו"א וואס האט א שייכות צו דעם ענין, און איז מקיש מיט בנין אב'ס איין ענין צום צווייטן, דער רבי מהר"ש רעדט דעם ענין בסגנון אחר און מיט כמה הוספות, דער רבי נ"ע רעדט דעם ענין פון למעלה ומטה, הויבט ער אן פון נידעריקע ענינים, און רעדט די ענינים אויך בשרשם, ביז ער פארקריכט אין לפני הצמצום, ביז יכולת העצמות, דער ביכלתו להאיר וביכלתו שלא להאיר, אויך ברענגט ער ניט קיינע דיעות און זאגט דער ענין באלד כפי ההכרעה, מתאים צום ווארט וואס כ"ק מו"ח האט איבערגעזאגט בשם זקני החסידים אז דער רבי נ"ע איז דער רמב"ם פון חסידות, וואס דער רמב"ם ברייננגט ניט קיינע דיעות, און זאגט יעדער ענין באלד בסגנון קל צח ומסודר.

מען האט שוין אמאל גערעדט אין דעם פירוש פון ממלא מקום, אז דאס איז כפשוטו אז ער פארנעמט דעם גאנצע פלאץ דאס הייסט אז אלע נשיאים זיינען דאך ממלא מקום, האבען זיי אלע ענינים וואס זיינען געווען ביי די פריעדיקע רביים. עס איז נאר וואס עס איז צוגעקומען א הוספה מתאים לפי הדור, אויב ניט האט דאך געקענט זיין דער זעלבער, און יעדער איינער לפי ענינו האט געזאגט חסידות מתאים לפי ענינו, וואס דאס איז דער חילוק אין דעם סגנון המאמרים, וואס דאס איז דער אופן גילוי האור לפי אופן המאור. די התקשרות צו די רביים איז ע"י לימוד תורתם, עס איז טאקע געוויס אז וויפל מען זאל ניט לערנען, שעפן און שעפן וועט מען דעם מאור אליין קיינמאל ניט אויסשעפן, ווי עס שטייט דער לשון, אז כשם ווי לא זהו עיקר אלקות מה שהעולמות מתהוים ממנו, כמו"כ לא זהו כל העצמות וואס ער איז א מאור, דאס הייסט וואס עס איז יוצא פון אים אור, אבער פונדעסטוועגן הגם עס איז טאקע הארה בלבד, אבער סוכ"ס איז ע"י לימוד תורתם בינדט מען זיך צו זיי, מען ווערט איינס מיט'ן מאור, און מען פארבינדט זיך אויך מיט'ן עצם אליין, וואס דער ענין ההתקשרות איז נוגע ומסייע בכל הענינים.

והנה הפעם אסיים מצד קוצר הזמן והשי"ת יעזור שכל הענינים הנ"ל יפעלו עלינו, זאת אומרת לקיים בפועל ממש, שע"י לימוד דא"ח של כ"ק אדמו"ר שליט"א שעי"ז להתקשר באילנא דחייא. והשי"ת יעזור להתראות בקרוב ממש אצל כ"ק אד"ש.

הנני שולח לכם את המאמרים דאחש"פ ד"ה ונחה עליו רוח ה', והמאמר דשבת מברכים אייר ד"ה על שלשה דברים וכו' שהוא המשך להמאמר ד"ה ונחה. ובבקשה למסור פ"ש להורינו היקרים שיחיו וכן ליתן לקרות את מכתבי זה וכן בבקשה אחר שתלמדו את המאמרים, ליתן אותם לידידינו אברהם חנוך גליצנשטיין להעתיק, ושהוא ישלח לי ממנו שני העתקות כפי ההסכם שלנו, כי ב' מאמרים האלו הם לא שלי. בברכת חג שמח שנקבל את התורה בשמחה ובפנימיות, אחיכם הדו"ש הטוב,

יהודה ליב רסקין

❖